בס"ד

קדושים תשפ"ד

גליון 189

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוּדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### נִישְׁט שְׁטוֹיסְן!!

מִיר שְׁטַייעֶן אִין גָאר אַ דֶערְהוֹיבֶּעֶנֶעם שַׁבָּת וֶוען מִיר לֵיינֶען אִין דֶער תּוֹרָה דֶער פָּסוּק קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם (ויקרא יט, ב) דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט זִיךְ בַּיי אוּנְז: "מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער, זַייטְס הֵיילִיג, ווַייל אִיךְ בִּין הֵיילִיג", אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז הֵיילִיג קֶענֶען מִיר זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ זַיין הֵיילִיג!

הֵיילִיג מַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט, זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן אַלֶע זִיבֶּעצִיג שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת מִיט וָואס מִיר וֶוערְן בְּטֶבַע גֶעבּוֹירְן. יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן נָאכְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, וָואס דָאס מֵיינְט אַז מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, גֶעמֵיינֶע מִדּוֹת. הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דִי מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר וָואס דָאס הֶעלְפְט אוּנְז צוּ רֵיינִיגְן ׳לְטַהֲרֵנוּ וּלְקַדְּשֵׁנוּ בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה, מִיר הָאבְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהַייט זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן דִי שְׁמוּץ פוּן מִצְרַיִם.

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן שְׁמוּץ מֵיינְט מֶען נִישְׁט אַז מֶען אִיז פַארְשְׁמִירְט מִיט שָׁאקָאלַאד אָדֶער בְּלָאטֶע, דָאס מֵיינְט יֶעדֶע נִישְׁט גוּטֶע מִדָּה וִוי קִנְאָה, שִׂנְאָה, כַּעַס אוּן נָאךְ, דָאס אַלֶעס אִיז שְׁמוּץ פַאר דִי נְשָׁמָה, וָואס מִיר רֵיינִיגְן זִיךְ אִין דִי טֶעג.

אִין סְפָרִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז אַזוֹי וִוי אִין צַייטְן פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶוען אַ אִיד אִיז גֶעוָוארְן אוּמְרֵיין הָאט עֶר גֶעדַארְפְט זִיבְּן טֶעג זִיךְ מְטַהֵר זַיין אוּן צֵיילְן דִי טֶעג, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶע׳טוֹבְ׳לְט אוּן גֶעוָוארְן רֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְט וֶוען מִיר ווִילְן זִיךְ רֵיינִיגְן אוּן זִיךְ גְרֵייטְן צוּ בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה שָׁבוּעוֹת, וֶועל ווִיל דֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ מַתָּן תּוֹרָה לוֹיטֶער רֵיין, וֶוען מִיר וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן כִּבְיָכוֹל צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ לִיבְּשַׁאפְט צוּם חָתָן. יֶעצְט אִין דִי זִיבְּן וָואכְן טוּעֶן מִיר זִיךְ גְרֵייטְן אוּן רֵיינִיגְן דָאס צוּ דֶערְגְרֵייכְן מִיט אַ נַייעֶ הִתְקַרְבוּת.



דִי וָואךְ רֶעדְט דִי פַּרְשָׁה וֶועגְן אַ מִצְוָה פוּן ׳לֹא תַעֲשׂוּ עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט (ויקרא יט, טו)׳ דָאס הֵייסְט, טָאמֶער אֵיינֶער אִיז אַ דַּיָּן טָאר עֶר נִישְׁט פַארְקְרִימֶען זַיין מִשְׁפָּט, זַיין פְּסַק דַארְף זַיין גְלַייךְ מִיט רֶעכְטִיגְקַייט. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ אִיד הָאט אַ גֶעשֶׁעפְט טָאר עֶר נִישְׁט לֵייגְן אַ פַאלְשֶׁע וָואג צוּ אוֹיסְנַארְן דֶעם קוֹנֶה, אוּן צוּנֶעמֶען יֶענֶעמְס גֶעלְט, נִישְׁט נָאר אֵיינֶער וָואס הָאט אַ גֶעשֶׁעפְט נָאר יֶעדֶער מֶענְטְש וָואס רִירְט צוּ צוּ אַ צְוֵוייטְנְס פַארְמֶעגְן אָדֶער יֶענֶעמְס קָאפִּיקֶע (קְלֵיין מַטְבֵּעַ) עֶר פָּאפְּט אוֹיס יֶענֶעם, אָדֶער עֶר נֶעמְט אַ זַאךְ פוּן אַ שָׁכֵן א.ד.ג אוּן שֶׁעדִיגְט דָאס מֵיינְט אוֹיךְ פְּגַם הַמִּשְׁפָּט, אוּן דָאס וָוארְנְט דִי תּוֹרָה לֹא תַעֲשׂוּ עָוֶל.

לָאמִיר גֵיין אַבִּיסְל טִיפֶער, עֶס קֶען זַיין אַז עֶס אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גִיבְּט גָאר אַכְטוּנְג אִין דֶער עִנְיָן פוּן שֶׁעדִיגְן אַ צְוֵוייטְנְס פַארְמֶעגְן, זַיינֶע הֶענְט זֶענֶען רֵיין

פון גַנבְ'נען א.ד.ג. אָבֶער עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס הֵייסְט פְּגַם הַמִשְׁפָּט וָואס דָאס אִיז מֶען זָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין אוּן דֶער מִשְׁפָּט וויאַזוֹי דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִּירְט זִיךְ מִיט דִיר. לָאמִיר עֶס מַסְבִּיר זַיין אַבִּיסְל.

יֶעדֶער אֵיינֶער ווֵייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, אוּן מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט אַלֶע סָארְט נִסְיוֹנוֹת, דָארְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן הָאט עֶר נִסְיוֹנוֹת, אָדֶער מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים אָדֶער אִין חֵדֶר מִיט דִי חֲבֵרִים, אִין שְׁטוּב מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער אִיז דָא נִסְיוֹנוֹת, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע מִדוֹת הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן. מִיר זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט אַסַאךְ מָאל צוּ זָאגְן: "וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעהַאט אַזַא סָארְט לֶעבְּן ווִי רֶעכְל אָדֶער מֶעכְל, אָדֶער וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַזַא סָארְט נְשָׁמָה, אָדֶער אוֹיב וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען מֶער קְלוּג, מֶער גֶעזוּנְט, מֶער רַייךְ, בַּאקוּמֶען מֶער לִיבְּשַׁאפְט, אַנְדֶערֶע עֶלְטֶערְן, בֶּעסֶערֶע רֶבִּי'ס אִין חֵדֶר, דַאן וָואלְט אִיךְ מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן אִיךְ וָואלְט מֶער גֶעהָארֶעוֶועט אוּן גֶעשְׁטִיגְן אַסַאךְ הֶעכֶער".

זָאגְט ר' נָתָן אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (ראש חודש ו') אַז דִי אַלֶע זַאכְן הֵייסְט אוֹיךְ אַ 'פְּגַם הַמִשְׁפָּט', אַז מֶען קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ טַעֲנָה: "פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן מֶער קְלוּגְשַׁאפְט, גֶעזוּנְט, בֶּעסֶערֶע עֶלְטֶערְן, חֲבֵרִים א.א.וו.?" זָאגְט ר' נָתָן אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר שְׁטַארְק גְלֵייבְּן אַז וויאַזוֹי דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִּירְט זִיךְ מִיט אוּנְז, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן אוּן מִיר קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת נָאר מִיט דִי אַלֶע פַּאקְטְן אוּן מַצָבִים מִיט וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז בַּאשַאפְן.

[עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין סְתִירָה צוּ תְּפִלָּה, מֶען מֶעג אוּן מֶען דַארְף שֵׁיין אֵיידְל מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיט אוּנְזֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶער נִישְׁט קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת אוּן שְׁטוּיסְן אוּן שְׁרַייעֶן 'פַארְוָואס?]

מִיר דַארְפְן אִין דִי אַלֶע עֶרְטֶער אוּן צַייטְן נָאר זוּכְן מִיט וָואס אִיךְ קֶען מִיט דִי אַלֶע כֵּלִים טוּן אַ נַחַת-רוּחַ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער. מֶען בֶּעט נִישְׁט פוּן אוּנְז צוּ טוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען בֶּעט נָאר צוּ טוּן וָואס מֶען קֶען!!

מִיר הָאבְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַזַא הֵיילִיגֶע סֵפֶר 'זוֹהַר', דָאס אִיז טַייטְשׁ 'לֶעכְטִיג'. רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְן צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִי וֶועלְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעצֵייג אַז וֶוער עֶס ווִיל וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער קֶען עֶר וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים מִיט דִי אַלֶע עֵצוֹת. אֲפִילוּ פַארְן לֶערְנֶען זוֹהַר קֶען מִיר הֲנָאָה הָאבְן פוּן דֶעם סֵפֶר אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְאוּלָה. דָאס זֶעעֶן מִיר אַז וֶוען עֶס קוּמְט דֶער טָאג ל"ג בָּעֹמֶר טַאנְצְן אַלֶע אִידְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם צַדִיק אוּן זַיין הֵיילִיגֶע חִבּוּר, דֶער צַדִיק הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז אַ לִיכְט וָואס וֶועט אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גָלוּת, אוּן יֶעדֶער אִיד קֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער דוּרְךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

אָבֶער ווִי מִיר זֶעעֶן אַז דִי לֶעצְטֶע יָארְן אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מְנִיעוֹת אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן אִין מִירוֹן אוּן פָארְט הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעווִיזְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִים בְּכֹחַ דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרָט פוּן עֶנְק תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דֶערִיבֶּער בֶּעט זִיךְ דֶער תַּנָא צוּ עֶנְק, אֲוֶועקְצוּגֶעבְּן אַפָּאר מִינוּט אוּן מִתְפַּלֵל זַיין: "אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף, עֶס זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִין טָאג ל"ג בָּעֹמֶר אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּן בִּפְרָט אִין אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן, וָואס דָארְט אִיז דֶער עִיקַר שִׂמְחָה, וֶוען טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דֶער וֶועלְט קוּמֶען אַהִין".

לָאמִיר יֶעדְן טָאג בִּיז ל"ג בָּעֹמֶר מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט תְּפִלָּה מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה זִיךְ קֶענֶען מִיטְפְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס דִי שִׂמְחָה וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, מִיט דֶעם סֵפֶר הַקָדוֹשׁ וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת מִיט גְרוֹיס רַחֲמִים, אָמֵן וְאָמֵן.

# איין אעשה'לע



## אַיינְגֶעשְׁטִילְט דִי קוֹלוֹת

פאַרְגאַנְגֶענֶעם מוֹצָאֵי פֶּסַח בִּין אִיךְ אַהֵיים גֶעפָארְן פוּן מַיין בַּאבֶּע. אִיךְ זִיץ אוֹיפְן בָּאס אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבְּן מִיר אַ מֶענְטְשׁ גֶעשְׁלָאפְן אוּן גֶעמַאכְט זֵייעֶר מָאדְנֶע קוֹלוֹת, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן 'תְּפִלָּה'.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אִיד זָאל מִיר מֶער נִישְׁט נֶערְוְוירְן, וִוי נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מַיין תְּפִלָּה, הָאט זִיךְ אַלֶעס אַיינְגֶעשְׁטִילְט, דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיינֶע מָאדְנֶע קוֹלוֹת.

אִיךְ דַאנְק דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעהֶערְט מַיין תְּפִלָּה.

## תּוֹרָה דוּרְךְ תְּפִלָּה

אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט גְּמָרָא אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקְל, הָאבּ אִיךְ פַּארְמַאכְט דִי גְּמָרָא אוּן גֶעזָאגְט אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ עֶר זָאל מִיר קְלָאר מַאכְן דִי גְּמָרָא אוּן עֶפֶענֶען מַיין קָאפּ. שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי גְּמָרָא, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיר בַּאוִויזְן וואוּנְדֶער, פְּלְאֵי פְּלָאִים, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען אִין דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט וָואס אִיךְ הָאבּ וִוידֶער גֶעעֶפְנְט דִי גְּמָרָא..

**שִׂמְחָה**

## תְּפִלָּה עֶפְנְט דִי וֶועגְן

מַיין בְּרוּדֶער מִיט מִיר גֵייעֶן צוּ אַ חֶבְרָה וָואס מֶען מַאכְט אַ נְסִיעָה חֹדֶשׁ תַּמּוּז, אָבֶּער דָאס יָאר הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ נְסִיעָה פַאר פֶּסַח, אָבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט חֵשֶׁק מִיר זָאלְן פָארְן עֶרֶב פֶּסַח.

אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַלֶעס, הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען פָארְן אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אוּנְז שִׁיקְן גֶערְן צוּ דִי נְסִיעָה, אוּן טַאקֶע אַ שָׁעָה



דֶערוֹיף הָאט מַיין טַאטֶע גֶעקְלִינְגֶען מַיין מַאמֶע, אַז עֶר וִויל מִיר זָאלְן פָארְן.

זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה...

**יוֹאֵלִי**

# אויפגעוועקט דאס פארלאשן הארץ



די אידן פון האלאנד האבן געלעבט גאנץ א רואיג לעבן, ביז דער טאג וואס די דייטשן ימ"ש האבן איר איינגענומען, באצווינגען די אידן זיך ארומצוטראגן מיט די 'געלע לאטע' ארום זייער ארעם. א שטיק צייט שפעטער האבן זיי אנגעהויבן מיט די מאסן דעפארטירונגען קיין אוישוויץ.

דער יונגער בחור'ל יצחק אייזיק זילבערמאן, א אייניקל פון ראפשיצער רב, וואס איז געבוירן אין גאליציע צו א רייכע משפחה וואס האט זיך אריבערגעצויגן שפעטער קיין דייטשלאנד צוליב געשעפטן און דערנאך איבערגעזידלט קיין האלאנד נאך וואס דער צורר היהודים, היטלער ימ"ש, איז אויפגעשטיגן אויפן בענקל – איז אויך ארויפגעפירט געווארן מיט זיינע עלטערן און געשוויסטער אויף די בהמות וואגאנען וואס האט זיי אפגעפירט קיין אוישוויץ.

ביי די טויערן פון אוישוויץ זענען זיי ברוטאל געווארן אפגעשיידט איינער פונעם צווייטן.

דארט האבן די געסטאפא ארייננגעליעט די 'נומערן' אין זיין פלייש, פון דעמאלטס אן האט זיך זיין לעבנסשטייגער גענצליך געביטן. היות ער איז נאך געווען יונג און פריש, איז ער אפגעשיקט געווארן צו די ארבעטס לאגערן. דריי יארן האט ער מיטגעמאכט די שווערע ארבעט דארט וואו 'הונגער' איז געווען א טייל פונעם לעבן. די עס. עס. אויפזעער, וואס האבן זיך געניטיגט אין די ארבעט'ס כוחות, פלעגן צוווארפן פון מאל צו מאל א ביסן פארשימלטע ברויט אדער עפעס א געדיכטע שמוציגע זופ. די אומשטענדן זענען געווען אומדערטרעגליך.

אין יאר תש"ה, ווען די דייטשן האבן אנגעהויבן צו כאפן אז זייער סוף איז נאנט, זענען זיי אנטלאפן פון דעם לאגער, מיטנעמענדיג די איבערגעבליבענע לעבעדיגע סקעלעטן אויף דעם טרויעריג בארימטן 'טויט מארש', מיט איין ציל; צו פארטיליגן די איבערגעבליבענע שארית הפליטה. זיי האבן געריטן אויף

פערד, צווינגנדיג די אויסגעפלאגטע אידן צו מארשירן טאג און נאכט. ווער ס'איז שטעקן געבליבן אדער מארשירט פאמעליך, איז געשאסן געווארן אויפן ארט. אין א געוויסע פונקט, האט ר' יצחק אייזיק געשפירט אז זיינע כוחות לאזן זיך שוין אויס. אלץ די לעצטע ברירה האט ער זיך ארויסגעשלייכט פון די גרופע און זיך אויסבאהאלטן צווישן א הויפן שטרוי אין א דערנעבנדיגן פעלד. פון הימל האט מען געהיטן אויף אים, און די רשעים האבן נישט באמערקט אין זיין אפוועזנהייט.

יצחק אייזיק איז גראטעוועט געווארן און האט איבערגעלעבט די מלחמה מיט ניסי ניסים, אבער עלנד אליין פון זיין גאנצע משפחה.

זיין גייסט איז געווען צובראכן אויף פיצלעך. ער האט זיך אומגעקערט קיין האלאנד אויף עטליכע יאר. דארטן, אין א באהעלטעניש, האט ער געטראפן א גרויסע סומע געלט וואס זיין טאטע האט נאך עספּיעט אויסצובאהאלטן פאר'ן קריג, וואס די דייטשע רשעים האבן ב"ה נישט באוויזן צו לייגן א האנט דערויף.

אין יאר תשי"א, איז ער ארויף קיין ארץ ישראל, ער האט זיך באזעצט אין דעם גרויסן פרייען שטאט 'תל אביב', וואו ער האט צום גרויס באדויערן אפגעפירט א לעבן ווייט פון אידישקייט.

דער אייבערשטער, וואס האט אבער נישט פארגעסן פון אים - האט אזוי צוגעפירט, אז איין טאג באגעגנט אים איינער - "איך פאר קיין מירון", דערציילט אים יענער, "אפשר קומסטו מיט מיר?" ער האט איינגעשטימט דערויף. נאך א לאנגע רייזע, קומען זיי אן צום אריינגאנג פון די מערה פון דעם גרויסן תנא רשב"י. יצחק אייזיק האט זיך אפגעשטעלט ביים טיר אינגאנצן באגייסטערט, די גרויסע קדושה וואס האט געהערשט דארט אין שאטן פונעם הייליגן תנא רבי שמעון האט אים גענצליך איבערגענומען און אים איינגעוויקלט אין א העכערע אטמאספערע.

בשעת ער שטייט דארט פארטראכט, דערנענטערט זיך צו אים א איד מיט א ליכטיגן געשטאלט און שטרעקט אים אויס די האנט מיט א ווארעמע שלום עליכם. יענער האט מיט אים גארנישט גערעדט, ער האט אים ניטאמאל פארגעשלאגן צו דאווענען אדער זאגן א קאפיטל תהילים, אבער די ווארעמקייט און הארציגקייט וואס יענער האט אים געגעבן האט אויפגעלאזט זיין הארץ.

צוריקקומענדיג קיין תל אביב, איז אים נישט ארויס פון קאפ די געשטאלט פון יענעם וואונדערליכער איד, ער האט שטארק געגארט צו קענען ווידעראמאל באגעגענען יענעם איד'ל. א יאר איז פארביי, ווידער איז ער געפארן קיין מירון, פול מיט האפענונג אז ער וועט ווידער אנטרעפן יענעם מענטש. צו זיין גרויס גליק טרעפט ער אינעווייניג אין די מערה אט די לעכטיגע צורה וואס שרייט ארויס איין שטיק גוטסקייט. ער גייט צו צו אים, אבער דער איד'ל געדענקט אים שוין נישט. ווען יענער הערט אז ער וואוינט אין תל אביב, זאגט ער אים: "קום ארויף צו מיר

אויף א באזוך, איך וואוין גאנץ נאנט צו דיר, אין יפו, אויף רחוב ׳רבי חיים בן עטר׳״.

א שטיק צייט גייט אריבער, און איינע פון די טעג,ווארטנדיג ביי די באס סטאנציע, ווערט ער איבערראשט זעענדיג פאר זיינע אויגן דעם איד וועמען ער זוכט שוין אזוי לאנג האבנדיג פארלוירן זיין אדרעס. דאס מאל האט אים שוין יענער איד׳ל דערקענט, ער גייט צו צו אים מיט א פריינטליכקייט, און צוזאמען זענען זיי געפארן צו יענעם אין שטוב, וואס ער איז שוין אינדערצווישן געווארן געוואויר זיין נאמען, רבי ישראל בער אדעסער ז״ל, א ווארעמע פארצייטישע ברסלבע׳ע חסיד. ר׳ ישראל בער האט גערעדט מיט אים פייערדיגע ׳דיבורים׳ פון רבי׳ן, אויפפלאמענדיג דערביי זיין פארלאשענע הארץ צום פאטער אין הימל, בשעת יצחק אייזיק זיצט און קוועלט, שלינגנדיג מיט דארשט יעדעס ווארט.

אין רעזולטאט פון דעם באגעגעניש, איז יצחק אייזיק פארוואנדלט געווארן צו א רעכטפארכטיגער איד, א חסיד מיטן גאנצן הארץ. ער איז געווען פון די איינציגע וואס האבן געזארגט אין די תקופה פון נאכ׳ן קריג צו דריקן און פארשפרייטן דעם רבי׳נס ספרים, שפענדנדיג דערויף כמעט זיין גאנצע אוועקגעלייגטע פארמעגן וואס ער האט געהאט מיטגענומען מיט זיך.

אזוי אויך איז ער געווען דער וואס האט אריינגעשטעלט אינעווייניג אין די מערה פון רשב״י, די באוואוסטע מאמר ׳לכו חזו׳ איבער די גרויסקייט פון רשב״י, וואס ווערט אראפגעברענגט אנפאנג אין ספר ׳ליקוטי מוהר״ן׳ - איינגעקריצט אין א מארמארענעם שטיין, וואס שטייט נאך דארט ביזן היינטיגן טאג.

# וֶוער דַארְף דִי הוֹיזְן?!

רֶבִּי נַחְמָן שְׁטֶערְנְהַארְץ, (אַ זוּן פוּן רֶבִּי אִיצִיק פוּן שְׁטָאט בַּאבְּרִינִיץ), אַלְץ יוּנְגֶערְמַאן הָאט עֶר גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן פְּרוֹיעֶן צִירוּנְגֶען אִין שְׁטָאט בַּאבְּרִינִיץ, פְּלֶעגְט עֶר פַּארְטָאגְס גֵיין אִין פֶעלְד, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט פַאר עֶר גֵייט אַרַיין אִין אַזַא סָארְט גֶעשֶׁעפְט, וִויבַּאלְד זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר דַארְף שְׁטֵיין אוּן פַארְקוֹיפְן צִירוּנְגֶען, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אִין פֶעלְד קוֹלֵי קוֹלוֹת: ״בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיר אָפּ״, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן פַארְטָאגְס קוֹלֵי קוֹלוֹת, דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאל אִים אָפְּהִיטְן.

דֶער רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה, אוּן אַ גְרוֹיסֶע מִתְבּוֹדֵד.

וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעווָאוּסְט אַז עֶר הָאט אַ מִלְחָמָה מִיטְן יֵצֶר הָרָע, זַיין פַּרְנָסָה קֶען אִים בְּרֶענְגֶען נִסְיוֹנוֹת אוּן מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן ׳כְּלֵי זַיין - גֶעוֶוער׳, אוּן דִי כְּלֵי זַיין אִיז נָאר תְּפִלָּה!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פוּן אַזֶעלְכֶע תְּפִלּוֹת! אִיךְ גְלֵייבּ אַז קַיין שׁוּם יוּנְגֶערְמַאן אִין רוּסְלַאנְד הָאט נִישְׁט

גֶעבֶּעטְן אַזאַ סאָרְט תְּפִלָּה, נאָר אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד קֶען בֶּעטְן אַזֶעלְכֶע תְּפִלּוֹת יֶעדְן פַארְטָאגְס, אֵיידֶער עֶר גֵייט אַרוֹיס אִין דֶער קְלֵייט, שְׁרַייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר אָפְּהִיטְן דֶעם טָאג. אוֹיסֶער דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה.

אַה! דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיי זַייעֶר גְרוֹיס! רֶבִּי נַחְמָן הָאט מִיר פַארְצֵיילְט אַמָאל, אַז זַיין טַאטֶע ר׳ אִיצִיק, פְּלֶעגְט זַיין אַ סוֹחֵר, אָבֶער פָּארְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַפָּאר הוֹיזְן אוּן הָאט זִיךְ גֶערָאכְטְן אַז אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אָנְטוּן דִי נַייעֶ הוֹיזְן! אַ גַאנְצֶע נַייעֶ אַנְצוּג הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט, אִיז כָּאטְשׁ זָאל עֶר הָאבְּן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַ נַייעֶ פָּאר הוֹיזְן. דֶערְוַוייל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן בַּאגֶעגְנְט ר׳ גֶעצֵי וֶועלְכֶע אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען אִינְמִיטְן זוּמֶער קַיין אוּמַאן, הָאט עֶר גֶעזֶעען וִוי ר׳ גֶעצֵי גֵייט צֶערִיסֶענֶע הוֹיזְן, הָאט עֶר גְלַייךְ אִים אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דִי נַייעֶ הוֹיזְן! אוּן וִוי נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אוּן ר׳ אִיצִיק הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן קַיין אַנְדֶערֶע הוֹיזְן, עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, וֶוען עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי ר׳ גֶעצֵי גֵייט אָנְגֶעטוּן דִי הוֹיזְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט עֶר אַזוֹי גֶעזָאגְט; ״דָאס אִיז דֶער אֱמֶת - דִי הוֹיזְן דַארְף גֵיין ר׳ גֶעצֵי, נִישְׁט אִיךְ״!! עֶר אַלֵיין הָאט אַזוֹי צוּ זִיךְ גֶערֶעדְט! אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, אוּן ס׳אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי צְדָקָה אוֹיךְ - צוּ מַאכְן פַאר יֶענֶעם אַפָּאר הוֹיזְן, אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר פַאר זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׁיינֶע פָּאר הוֹיזְן אוֹיף יוֹם טוֹב נָאר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן יֶענֶעם, אוּן צוּדֶערְצוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶענֶער דַארְף הָאבְּן דִי הוֹיזְן - נִישְׁט אִיךְ!

גֶעוֶוען אַמָאל וֶוען ר׳ יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַ שֵׁיינֶעם טֶערְקִישֶׁע טַלִית, יֶענֶע יָארְן אַ אִיד זָאל פַארְמָאגְן אַן אֵייגֶענֶעם שֵׁיינֶעם טֶערְקִישְׁן טַלִית אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אַ גְרוֹיסֶע חִידוּשׁ. ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט אֵיין טַלִית ׳פַאר זִיךְ׳ אוּן אֵיין טַלִית אוֹיף צוּ ׳פַארְקוֹיפְן׳, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבּ אוֹיף דִי אוֹיסְגַאבְּן פוּן דֶער לַאנְגֶער וֶועג וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן.



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶערֶעדְט וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אוֹיבּ מֶען קֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקְן רֵיינֶעם טֶערְקִישְׁן טַלִית, אִיז וִוי ר׳ גֶעצֵי הָאט בַּאמֶערְקְט דֶעם טַלִית הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: ״הַךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַזאַ מִין טַלִית״! אוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעהֶערְט דִי תְּפִלָּה פוּן ר׳ גֶעצֵי, הָאט עֶר אִים שׁוֹין גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם טַלִית!

דָאס אִיז פַאר אוּנְז קִינְדֶער אַ לִמּוּד וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אַהֲבַת חֲבֵרִים, מֶען טְרַאכְט אַבִּיסְל פוּן אַן אַנְדֶערְן, ׳וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעבְּן פַאר מַיין חַבֵר אַ גוּט וָוארְט? אַ בְּרֵייטְן שְׁמֵייכְל, אַוֶועק גֶעבְּן עֶפֶּעס פוּן מִיר פַאר יֶענֶעם׳, וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ.

און [זי] אִיז אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען – בִּיז זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'אָרְט', וָואס דָארְט אִיז גֶעזֶעצְן דֶער 'בָּחוּר' הַנַ"ל (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

און זִי אִיז שׁוֹין דֶערְוַוייל פַּארְוַואקְסְן גֶעוָוארְן מִיט 'הָאר' – און דֶערְצוּ, אִיז זִי גֶעוֶוען אָנְגֶעטָאן וִוי אַ 'זָכָר', אִין [מִיט] דִי 'קְלֵיידֶער' פוּן אַ 'מַאטְרָאס', כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע.

און תֵּיכֶּף וִוי 'זִי' אִיז גֶעקוּמֶען – אִיז 'עֶר' פְרֵיילֶעךְ גֶעוָארְן, וָואס סְ'אִיז דָא גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ 'מֶענְטְשׁ'.

הָאט עֶר זִי גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ אַהֶער"? – הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיט אַ 'סוֹחֵר' [דֶער 'רוֹצֵחַ'] אוֹיף דֶעם 'יָם' וְכוּ'"!

הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ אַהֶער"? – הָאט עֶר אִיר אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּרְךְ אַ 'סוֹחֵר'"! זֶענֶען זֵיי דָארְט בֵּיידֶע גֶעזֶעצְן!

און דֶערְנָאךְ וִוי דִי 'בַּת־קֵיסָר' אִיז אַוֶועקְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם 'קֵיסָר', כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – הָאט דִי 'קֵיסָרְ'טֶע' זֵייעֶר גֶעקְלָאגְט – און זִי הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן [אִיר] 'קָאפּ' אִין דֶער 'וַואנְט' – אוֹיף דֶעם וָואס אִיר 'טָאכְטֶער' אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן!

און זִי הָאט דֶעם 'קֵיסָר' זֵייעֶר גֶעגֶעסְן [אוֹיפְגֶעגֶעסְן; מְצַעֵר גֶעוֶוען] מִיט רֵייד!

זִי הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "אִיבֶּער [צוּלִיב] דַיין 'גַדְלוּת' [גַאֲוָה], הָאסְטוּ דֶעם 'בָּחוּר' אוֹיסְגֶעבְּרַאכְט [אַוֶועקְגֶעלֵייגְט] – און הַיינְט [יֶעצְט] אִיז אוּנְזֶער 'טָאכְטֶער' פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן"!

און זִי הָאט גֶעזָאגְט: "זִי אִיז זִיךְ [דָאךְ] גֶעוֶוען, גָאר אוּנְזֶער 'מַזָל', און גָאר אוּנְזֶער 'הַצְלָחָה' – הַיינְט הָאבְּן מִיר זִי פַארְלוֹירְן – וָואס אִיז מִיר שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן הַיינְט?"!

און זִי הָאט אִים זֵייעֶר גֶעגֶעסְן [אוֹיפְגֶעגֶעסְן; מְצַעֵר גֶעוֶוען]!

און אִים אַלֵיין – אִיז זִיךְ בְּוַודַאי אוֹיךְ זֵייעֶר בִּיטֶער גֶעוֶוען, דָאס וָואס דִי 'טָאכְטֶער' אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן – דֶערְצוּ, הָאט דִי 'קֵיסָרְ'טֶע' אִים זֵייעֶר גֶעגֶעסְן [אוֹיפְגֶעגֶעסְן; מְצַעֵר גֶעוֶוען], און זֵייעֶר דֶערְצֶערְנְט.

און סְ'גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע 'קְרִיג' און 'עֶסֶענִישׁ' [אוֹיפְּעֶסֶענִישׁ] צְווִישְׁן זֵיי – און זִי פְּלֶעגְט [צוּ] אִים רֶעדְן 'דְבָרִים־רָעִים' [שְׁלֶעכְטֶע רֵייד] – בִּיז זִי הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְצֶערְנְט – בִּיז עֶר הָאט זִי גֶעהֵייסְן פַארְשִׁיקְן!

און עֶר הָאט גֶעזֶעצְט 'דַיָינִים' אוֹיף אִיר! – הָאבְּן זֵיי גֶע'פַּסְקְ'עט: "אַז מֶען זָאל זִי פַארְשִׁיקְן"! הָאט מֶען זִי פַארְשִׁיקְט! דֶערְנָאךְ הָאט דֶער 'קֵיסָר' גֶעשִׁיקְט אִין דֶער 'מִלְחָמָה' אַרַיין – און עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען!

הָאט עֶר דָאס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַ 'יֶעדְנִירַאל' [גֶענֶערַאל] – [אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶעם 'יֶעדְנִירַאל']: "וַוייל דוּ הָאסְט אַזוֹי גֶעטָאן, דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ אָנְגֶעוואוֹירְן [דֶערְלֵייגְט] דִי 'מִלְחָמָה'"!

הָאט עֶר דֶעם 'יֶעדְנִירַאל' פַּארְשִׁיקְט!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר ווִידֶער גֶעשִׁיקְט אִין דֶער 'מִלְחָמָה' אַרַיין – אוּן הָאט ווִידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען – הָאט עֶר ווִידֶער פַּארְשִׁיקְט 'יֶעדְנִירַאלְן'! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר פַּארְשִׁיקְט כַּמָּה [אַסַאךְ] 'יֶעדְנִירַאלְן'!

הָאט דִי 'מְדִינָה' גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר טוּט ווִילְדֶע זַאכְן" – פְּרִיעֶר הָאט עֶר פַּארְשִׁיקְט דִי 'קֵיסֶר'טֶע' – דֶערְנָאךְ [הָאט עֶר פַּארְשִׁיקְט] 'יֶעדְנִירַאלְן' – הָאבְּן זֵיי זִיךְ [דֶערִיבֶּער] מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דִי 'מְדִינָה'): טָאמֶער [אַז אֶפְשַׁר זָאל מֶען טוּעֶן] פַּארְקֶערְט – [אַז] מֶען זָאל שִׁיקְן נָאךְ דֶער 'קֵיסֶר'טֶע' [אִיר צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען] – אוּן 'אִים' [דֶעם 'קֵיסָר' אַלֵיין] זָאל מֶען פַּארְשִׁיקְן – אוּן דִי 'קֵיסֶר'טֶע' זָאל פִירְן דִי 'מְדִינָה'.

הָאבְּן זֵיי [טַאקֶע] אַזוֹי גֶעטָאן – אוּן הָאבְּן דֶעם 'קֵיסָר' פַּארְשִׁיקְט – אוּן דִי 'קֵיסֶר'טֶע' הָאבְּן זֵיי צוּרִיקְגֶענוּמֶען – אוּן זִי הָאט גֶעפִירְט דִי 'מְדִינָה'!

אוּן דִי 'קֵיסֶר'טֶע' הָאט תֵּיכֶּף גֶעשִׁיקְט: "אַז מֶען זָאל ווִידֶער צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען דֶעם 'בֶּערְגֶער', מִיט זַיין 'וַוייבּ' דִי 'בֶּערְגֶערְן'" – (וָואס דֶער 'קֵיסָר' הָאט זֵיי מַשְׁפִּיל גֶעוֶוען, אוּן הָאט זֵיי גֶעמַאכְט פַאר אֶרִימֶעלַייט, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"! אוּן זִי הָאט זֵיי אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין אִירֶע 'פַּאלַאצְן'!

אוּן דֶער 'קֵיסָר' – ווִי [וֶוען] עֶר אִיז פַּארְשִׁיקְט גֶעוָוארְן – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעבֶּעטְן [פוּן] דִי וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפִירְט: "אַז זֵיי זָאלְן אִים לָאזְן [אָפְּלָאזְן] – וָוארְן אִיךְ בִּין זִיךְ פָּארְט גֶעוֶוען אֵייעֶר 'קֵיסָר' – אוּן אִיךְ הָאבּ אַייךְ בְּוַודַּאי גֶעטָאן 'טוֹבוֹת' – הַיינְט [יֶעצְט] טוּט מִיר דָאס צוּלִיבּ, אוּן לָאזְט מִיךְ גֵיין – וָוארְן אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיךְ שׁוֹין, בְּוַודַּאי נִישְׁט אוּמְקֶערְן צוּ דֶער 'מְדִינָה' – הָאט אִיר [דֶערִיבֶּער] קֵיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן – לָאזְט מִיךְ! לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] מִיר גֵיין! לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] כָאטְשֶׁע פְרֵיי זַיין, דָאס בִּיסְל לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ צוּ לֶעבְּן"!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעלָאזְט! אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען! דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען כַּמָּה שָׁנִים – אוּן דֶער 'קֵיסָר' אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'יָם'!

הָאט דֶער 'ווִינְט' – דֶער [דָאזִיגֶער] 'שִׁיף' אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן – אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'מִדְבָּר' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'אָרְט', וָואס זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעצְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'בָּחוּר', דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן' – אוּן זַיין 'טָאכְטֶער' דִי 'יְפַת־תֹּאַר', וָואס זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען [אָנְגֶעטוּהְן] ווִי אַ 'זָכָר')!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע – וָוארְן דֶער 'קֵיסָר אִיז שׁוֹין פַּארְוַואקְסְן גֶעוָוארְן מִיט 'הָאר', אוּן סְ'אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען כַּמָּה שָׁנִים – אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אוֹיךְ פַּארְוַואקְסְן גֶעוָוארְן מִיט 'הָאר', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער"? – הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּרְךְ אַ 'סוֹחֵר'"! אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] זֵיי, הָאבְּן אִים אוֹיךְ אַזוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט [אַז זֵיי זֶענֶען דָא אָנְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ אַ 'סוֹחֵר']! זֶענֶען דִי 'דְרַיי' דָארְט גֶעזֶעצְן אִינְאֵיינֶעם – אוּן הָאבְּן דָארְט גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקְן, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעשְׁפִּילְט אוֹיף 'כְּלֵי־שִׁיר' –

וָוארְן זַיי אַלֶע הָאבְּן גֶעקֶענְט 'שְׁפִּילְן' – וָוארְן 'דֶער' אִיז [דָאךְ] אַ 'קֵיסָר' – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] 'זַיי', הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקֶענְט 'שְׁפִּילְן'.

אוּן 'עֶר', דְהַיְינוּ: דֶער 'בָּחוּר' – עֶר אִיז אִיז גֶעוֶוען דֶער 'בְּרִיָה' צְוִוישְׁן זַיי – וָוארְן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעוֶוען פוּן לַאנְג – אוּן עֶר פְלֶעגְט זַיי צוּ בְּרֶענְגֶען 'פְלֵייש', הָאבְּן זַיי גֶעגֶעסְן – אוּן זַיי פְלֶעגְן דָארְט בְּרֶענֶען 'הָאלְץ', וָואס ס'אִיז טַייעֶרֶער גֶעוֶוען פוּן 'גָאלְד' אִין 'יִשׁוּב'.

פְלֶעגְט זַיי דֶער 'בָּחוּר' צוּ דְרִינְגֶען [אוֹיפְוַוייזְן]: "אַז דָא אִיז גוּט אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן [אָפְּצוּלֶעבְּן] דִי יָאהְרְן – וֶועדְלִיג [לוֹיט] דָאס גוּטְס וָואס 'מֶענְטְשְׁן' הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין 'יִשׁוּב' – אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען זָאל דָא זִיצְן – מֶען זָאל דָא אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי וֶועלְט [אָפְּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן]"!

הָאבְּן זַיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואסְפַארַא גוּטְס הָאסְטוּ דֶען גֶעהַאט, אַז דוּ זָאגְסְט: אַז דָא אִיז פַאר דִיר בֶּעסֶער"?

הָאט עֶר זַיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּן הָאט זַיי דֶערְצֵיילְט: "וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן], וִוי [אַז] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'בֶּערְגֶערְס זוּהְן' וְכוּ' – בִּיז עֶר אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען – אוּן וָואס אִיז אִים דְרוֹיסְגֶעקוּמֶען [וָואס הָאט עֶר גֶעהַאט אִין זַיין לֶעבְּן, מִיט דֶעם] וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן' – [אַז] עֶר הָאט גֶעהַאט 'כָּל־טוּב' – דָא הָאט עֶר אוֹיךְ 'כָּל־טוּב' – (אַזוֹי הָאט דֶער 'בָּחוּר' אַלְץ צוּ זַיי גֶעזָאגְט)".

אוּן עֶר הָאט זַיי גֶעדְרוּנְגֶען [אוֹיפְגֶעוִויזְן] אַלְץ: "אַז דָא אִיז גוּט אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן דִי וֶועלְט [אָפְּצוּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן]"! הָאט אִים דֶער 'קֵיסָר' גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעהֶערְט פוּן דֶעם [יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם] 'קֵיסָר'" [מֵיינֶענְדִיג זִיךְ אַלֵיינְס]? – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] עֶר הָאט גֶעהֶערְט"! הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶער 'יְפַת־תּוֹאַר': "אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אִיר"? – הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא"!

הָאט דֶער 'בָּחוּר' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיט 'כַּעַס', אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער 'רוֹצֵחַ'"? (אַזוֹי־וִוי אֵיינֶער קְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן, אַזוֹי הָאט דֶער 'בָּחוּר' גֶעזָאגְט מִיט 'כַּעַס', אוֹיף דֶעם 'קֵיסָר' וָואס זַיי הָאבְּן פוּן אִים גֶעשְׁמוּעֶסְט – וָוארְן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט: אַז דֶער 'קֵיסָר' אַלֵיין שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים).

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט [דֶער 'קֵיסָר' פוּנֶעם 'בָּחוּר']: "פַארְוָואס אִיז עֶר אַ 'רוֹצֵחַ'"? – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיבֶּער [צוּלִיבּ] זַיין 'אַכְזָרִיוּת', אוּן אִיבֶּער זַיין 'גַסוּת' [צוּלִיבּ זַיין גַאֲוָה], בִּין אִיךְ אַהֶערְגֶעקוּמֶען"! הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט [דֶער 'קֵיסָר' פוּנֶעם 'בָּחוּר']: "וִויאַזוֹי אִיז דָאס גֶעוֶוען"?

הָאט זִיךְ דֶער 'בָּחוּר' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "דָא הָאט עֶר זִיךְ פַאר קֵיינֶעם קַיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן"! הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, אוּן הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי 'גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה', וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן] – [ס'קוּקְט אוֹיס: אַז קוֹדֶם הָאט עֶר אִים נִישְׁט דֶערְצֵיילְט דִי 'גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה', נָאר דָאס אַלֵיינְס אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן']!

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט [דֶער 'קֵיסָר']: "אַז דֶער 'קֵיסָר' זָאל דִיר קוּמֶען אִין דֶער 'הַאנְט' אַרַיין – וָואלְסְטוּ זִיךְ אִין אִים הַיינְט 'נוֹקֵם' גֶעוֶוען"? – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "'נֵיין'! (וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'גוּטֶער' אַ 'רַחֲמָן') – אַדְרַבָּא, אִיךְ וָואלְט אִים אַזוֹי 'מְפַרְנֵס' גֶעוֶוען [גֶעשְׁפַּייזְט], וִוי [פוּנְקְט אַזוֹי־וִוי] אִיךְ בִּין דִיךְ 'מְפַרְנֵס'"!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אריםמאן (9)

**א. צו וואו איז אנגעקומען די טאכטער פון קיסר ווען זי איז אנטלאפן פונעם רוצח?**
- ❑ צוריק צום קעניגליכן פאלאץ
- ❑ צו די פלאץ וואו דער קעניג געפינט זיך דארט
- ❑ צו די פלאץ וואו דער זוהן פון בערגיר געפינט זיך דארט

**ב. וואס האט די קיסר'טע געטון נאכדעם וואס מ'האט אוועק גענומען איר טאכטער?**
- ❑ זי איז געזיצן און געוויינט
- ❑ זי האט זייער געקלאגט און זיך געשלאגן קאפ אין דער וואנט
- ❑ זי האט געבעטן פון אירע באדינערס מ'זאל איר גיין זוכן

**ג. וואס האט די קיסר'טע געטון פארן קיסר נאכדעם וואס מ'האט אוועק גענומען איר טאכטער?**
- ❑ זי האט געשריגן אויף אים
- ❑ זי האט אים געגעסן מיט רייד
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס האט דער קיסר געטון פאר די יעדניראלן?**
- ❑ אראפגענידערט זייער פאסטן
- ❑ זיי פארשיקט
- ❑ געשריגן אויף זיי

**ה. וואס האט מען געטון פאר דעם קיסר נאכן פארשיקן די יעדניראלן?**
- ❑ מ'האט אים פארשיקט
- ❑ מ'האט אים גע'הרג'ט
- ❑ מ'האט אים אריין געווארפן אין ים

**ו. וואו אהין איז דער קיסר אנגעקומען?**
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער רוצח געפינט זיך
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער בערגיר געפינט זיך
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער זוהן פון בערגיר און די טאכטער פון קיסר געפינען זיך

**ז. וואס האבן געטון אין מדבר דער קעניג און די בת קיסר און דער זוהן פון בערגיר?**
- ❑ געשפילט אויף כלי שיר
- ❑ זיך געפרייעט און געטאנצט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וועלכע האלץ פלעגן זיי ברענען דארטן?**
- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון זילבער אין ישוב
- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון דיימאנטן אין ישוב
- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון גאלד אין ישוב

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

### טיפער געטראכט

**ווער פון די דריי** (דער קיסר, דער זון פונעם בערגיר, די בת קיסר) **זענען געקומען צום מדבר וועגן א רוצח?**



**תשובות פון פאריגע וואך: וואס האט דער רוצח געזוכט? האט ער דאס געטראפן?**

**1. הָאט דֶער רוֹצֵחַ דָארְט גֶעזוּכְט כָּאטְשֶׁע אַ קְלֵיין שִׁיפְל פוּן דִי וָואס כַאפְּן פִּישׁ כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִיר אַרִיבֶּער. הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַ שִׁיף.**

**2. און דֶער גַזְלָן הָאט זִי (די בת קיסר) גֶעזוּכְט אַהִין און אַהֶער און עֶר הָאט זִי נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען.**

**דער געווינער פון בערגער ווני #8 איז: הילד החשוב אלעזר אנשין, בית שמש. ** 3641**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

# הֶערְשִׁי, דוּ פּוֹעֶלְ'סְט יָא!!

**הֶערְשִׁי: וָואס וֶועט זַיין? שׁוֹין אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן וָואס אִיךְ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אָבֶער לַיידֶער קוּקְט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיט מַיין רֶעדְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?**

וָואלְוִוי: הֶערְשִׁי, זַיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס עֶס קוּמְט אִים אַרוֹיף אַזַא גֶעדַאנְק אוּן אַזֶעלְכֶע שְׁאֵלוֹת, דֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רל"ד אוּן דֶעם רֶבִּי גִיבְּט אוּנְז אוֹיךְ אַ מָשָׁל צוּ קְלָאר מַאכְן אַז דָאס וָואס דוּ טְרַאכְסְט אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן.

הֶערְשִׁי: נָא, לָאמִיר טַאקֶע הֶערְן דִי מָשָׁל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ן, שְׁטֶענְדִיג אִיז גוּט צוּ הֶערְן פוּן רֶבִּ'ן...

וָואלְוִוי: פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז כִּמְעַט יֶעדֶעס קִינְד אִין חֵדֶר, בִּפְרָט אִין דִי וָואכְן הָאט זִיכֶער גֶעהֶערְט דִי מָשָׁל פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא מִיט דִי טְרָאפְּנְס, דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט וֶועגְן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מֶען זֶעט אַמָאל וִוי עֶס טְרָאפְּט טְרָאפֶּעלֶעך וַואסֶער אוֹיף אַ שְׁטֵיין, אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּן דֶער זַייט, אָדֶער אֵיינֶער וָואס קוּמְט שׁוֹין יָארְן בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי דִי וַואסֶער הַאלְט אִין אֵיין רִינֶען אוֹיפְן זֶעלְבְּן שְׁטֵיין, עֶס קוּקְט אוֹיס אַז דִי וַואסֶער הָאט קַיין כֹּחַ נִישְׁט קֶעגְן דֶעם הַארְטְן שְׁטֵיין, עֶר דֶערְקֶענְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין צֵייכְן וָואס דִי וַואסֶער טוּט קֶעגְן דֶעם הַארְטְנֶעקִיגְן שְׁטֵיין, אָבֶער... מִיט דִי צַייט, וֶוען דִי וַואסֶער רִינְט אוּן רִינְט אוּן טְרָאפְּט אַרָאפּ וָואךְ נָאךְ וָואךְ, יָאר נָאךְ יָאר, וֶוען מֶען קְלָאר זֶען אַז דִי וַואסֶער מַאכְט אַ לָאךְ אִין דֶער שְׁטֵיין.

דִי זֶעלְבֶּע גֶענוֹי אִיז אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ אוּנְז אַז אוּנְזֶער הַארְץ אִיז גֶעמַאכְט פוּן שְׁטֵיין, עֶר זֶעט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָן אַז מַיינֶע רֵייד פּוֹעֶלְ'ן עֶפֶּעס אוֹיף מַיין הַארְטְנֶעקִיגְן הַארְץ, אָבֶער... מִיט דִי יָארְן, וָואלְוִוי, אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן וַוייטֶער רֶעדְן אוּן בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען אַז דַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ לֶעכֶערְן.

אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן, אוּן מִיר רוּפְן זִיךְ מִיט שְׁטָאלְץ מִיט אֶט דֶעם נָאמֶען 'בְּרֶסְלֶב' וָואס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'לֵב-בָּשָׂר' אַ הַארְץ פוּן פְלֵייש אַנְשְׁטָאט פוּן שְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דֶער מָשָׁל אַז "אֲבָנִים שָׁחֲקוּ מַיִם" דִי שְׁטֵיין וֶוערְט גֶעלֶעכֶערְט פוּן דִי וַואסֶער.

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמואל מאיר אנשין הי"ו
לרגל הולדות בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם פריינד הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי שלום ראזנפעלד הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב